**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/11/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט נייע מאסנאמען צו העלפן פערטא ריקא מיט יערליכע האריקעין גרייטקייט באמיאונגען**

***סטעיט אגענטור טעמע מבינים פון דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס, דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג און דעפארטמענט פון טראנספארטאציע צוצושטעלן יערליכע 'בוּטס אָן דע גראָונד' צו שטיצן פערטא ריקא בעפאר'ן קומענדן האריקעין סעזאן***

***DHSES וועט אנבאטן אינטענסיווע גרייטקייט קורסן פאר פערטא-ריקאנער עמערדזשענסי פארוואלטונג באאמטע ביי ניו יארק סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער***

***מעלדונג בויט אויף גאווערנער האָקול'ס [שטיצע פאר פערטא ריקא'ס] נאך די חורבנות-ברענגנדע תוצאות פון האריקעין 'פיאנע'***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט נעמט נאך מאסנאמען צו העלפן דעם אינזל פון פּערטא ריקא מיט ווייטער פארבעסערן האריקעין גרייטקייט באמיאונגען בעפאר'ן קומענדיגן יאר'ס האריקעין סעזאן. דורכאויס די נאכווייען פון 'פיאנע', האבן פילע אויפ'ן אינזל פארלוירן עלעקטרישע קראפט און די מעגליכקייט צו באקומען זיכערע טרונק-וואסער. די נייע פארשפרעכונג דורך גאווערנער האָקול וועט זיכער מאכן אז עמערדזשענסי דזשענערעיטערס פאר'ן אינזל'ס וואסער אינפראסטרוקטור און ארטיגע עמערדזשענסי אפרוף ווערן אויסגעהאלטן בעפאר'ן האריקעין סעזאן, פארשטערקערן גרייטקייט און רעדוצירן די שאנסן אז צוטריט צו זיכערע טרונק-וואסער ווערט צושטערט דורכאויס צוקונפטיגע שטורעמעס. צום ערשטן מאל קומענדיגן פרילינג, וועט דער סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער אין אריסקאני צושטעלן פארגעשריטענע טרענירונג און שעצונג פראגראמען פאר פערטא-ריקאנע עמערדזשענסי פארוואלטונג באאמטע ביי אלע שטאפלען פון רעגירונג צו ווייטער אונטערשטיצן זייער גרייטקייט און פארשטערקערן די פארשריטן וואס זיי האבן געמאכט אין לעצטערע יארן אין עמערדזשענסי אפרוף.

"ניו יארק און פערטא ריקא טיילן זיך מיט א ספעציעלן פארבינדונג, און אונזער סטעיט וועט אלעמאל זיין גרייט צו העלפן אונזערע ברודער און שוועסטער אויף סיי וועלכן אופן מעגליך," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע שטאלצירט זיך צו שטיין מיט פערטא ריקא, און די טרענירונג וועט בעסער באשיצן מענטשן, נכסים און קריטישע אינפראסטרוקטור פון צוקונפטיגע עקסטרעמע וועטער און העלפן דעם אינזל בויען שטאנדהאפטיגקייט פאר פילע קומענדיגע יארן."

די מאסנאמען בויען אויפ'ן סטעיט'ס שטיצע צוגעשטעלט צו די יו-עס שטח פון פערטא ריקא נאך די שווידערליכע תוצאות פון האריקעין 'מאריע' אין 2017 און [האריקעין 'פיאנע'] אין 2022. אין די נאכווייענישן פון האריקעין 'פיאנע' דעם סעפטעמבער און אויפ'ן פארלאנג פון גאווערנער פעדרא פיערלואיסי, האט

גאווערנער האָקול ארויסגעשטעלט הויכראַנקיגע באַאַמטע פון איר אַדמיניסטראַציע, ניו יאָרק סטעיט טרופּערס און מולטי-אַגענטור עמערדזשענסי אָפּעראַציעס צענטער שטיצע מאַנשאַפט צו פּערטאַ ריקאָ ארויסצוהעלפן מיט פאַרלייכטערונג באַמיאונגען.

אנגעהויבן אין אנהייב 2023, וועלן סטעיט אַגענטור פּערסאָנאַל פון דער דיוויזיע פון היימלאַנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס, דעפּאַרטמענט פון ענווייראַנמענטאַלע אָפּהיטונג, און דעפּאַרטמענט פון טראַנספּאָרטאַציע מיט ערפאַרונג אין אינזשינערונג און טעכנישע הילף וועלן פאָרן קיין פּערטאַ ריקאָ צוצושטעלן יערליכע אויסהאַלט-מיטלען אויף עמערדזשענסי דזשענערעיטערס וועלכע פאַרזאָרגן דעם אינזל׳ס וואַסער און עמערדזשענסי אָפּרוף אינפראַסטרוקטור.

בעפאָר דעם קומענדיגן יאָר׳ס אַטלאַנטישער האַריקעין סעזאָן, וועט די דיוויזיע פון היימלאַנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס אויפנעמען פּערטאַ-ריקאַנער עמערדזשענסי פאַרוואַלטונג באַאַמטע ביי אַלע שטאַפּלען פון רעגירונג ביים סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער פאַר אַ פאַרגעשריטענע גרייטקייט אויסטויש יעדן פרילינג. דער קאָריקולום וועט אויסגעאַרבעט ווערן דורך דער דיוויזיע פון היימלאַנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס, אין צוזאַמענאַרבעט מיט פּערטאַ-ריקאַנער שותּפים, און וועל מעגליך אַריינעמען טרענירונג איבונגען ווי למשל ׳סוויפט׳ וואַסער און פלייצונג רעטונג, אינערן-שטאָטישע זוך און רעטונג, UAS טעכנישע אָפּעראַציע און שעצונג, ווי אויך עמערדזשענסי פאַרוואַלטונג און דיזעסטער אָפּרוף, לויט׳ן פּראָפייל און די געניטשאַפט נייטיג פון טרענירטע פון פּערטאַ ריקאָ.

**דיוויזיע פון היימלאַנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס דזשעקי ברעי האָט געזאָגט,** ״גאווערנער האָקול איז פאַרשפּראָכן צו שטיצן פּערטאַ ריקאָ אין אירע באַמיאונגען זיך צו ערהוילן נאָך גרויסע טראָפּישע שטורעמעס. און יעצט וועט ניו יאָרק סטעיט זיך פּאַראייניגן מיט אונזערע צוזאַמענאַרבעטער אין פּערטאַ ריקאָ זיכער צו מאַכן אַז זיי האָבן די הילפס-מיטלען און טרענירונג נייטיג צו זיין בעסער צוגעגרייט בעפאָר׳ן קומענדיגן האַריקעין סעזאָן און יעדן האַריקעין סעזאָן אינעם צוקונפט.״

די טרענירונג וועט אויך אַנבאָטן אַ צוזאַמענגעאַרבעטע וואָרקשאָפּ פאַר עמערדזשענסי פאַרוואַלטונג פירער אין ניו יאָרק און פּערטאַ ריקאָ אויף מיטצוטיילן בעסטע פירונגען פאַר עמערדזשענסי אָפּעראַציעס צענטער ראָלעס און אָרגאַניזאַציע צווישן די צוויי מאַנשאַפטן.

זינט האַריקעין ׳מאַריע׳ האָט ניו יאָרק געהאָלפן פּערטאַ ריקאָ שאַפן ביליאָנען דאָלאַרן אין פעדעראַלע פינאַנצירונג פון ׳פעדעראַלע עמערדזשענסי פאַרוואַלטונג אַגענטור׳ אויף זיך צו ערהוילן און איבערבויען דעם אינזל׳ס ענערגיע אינפראַסטרוקטור, אין צוגאָב צו דעם ׳ניו יאָרק פּאַווער אויטאָריטעט׳ אויספירן טעכנישע אָפּשאַצונגען פון עלעקטרישע קראַפט פאַבריקן און סובסטאַנציעס אויפ׳ן אינזל. אויף די שפּורן פון האַריקעין ׳פיאָנע׳, דער ערגסטער שטורעם זיך אַנצושטויסן אין דעם אינזל זינט האַריקעין ׳מאַריע׳, האָט גאווערנער האָקול אויסגעמאָלדן [ניו יאָרק סטעיט שריטן](#) אויף ארויסצוהעלפן פּערטאַ ריקאָ אין פאַרלייכטערונג באַמיאונגען. די באַמיאונגען האָבן ווייטער שטערקער געמאַכט ניו יאָרק׳ס לאַנגיעריגע אַנטשלאָסנקייט צו העלפן פּערטאַ ריקאָ אין איר איבערבוי און ערהוילונג.

**איבער דעם סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער**

ניו יאָרק סטעיט איז דער היים אָרט פאַר איינע פון די פּרעמיערע עמערדזשענסי אָפּרוף טרענירונג איינריכטונגען אין דעם לאַנד — [דער סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער](#) אין אָריסקאַני. דער ׳סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער׳, וואָס געפינט זיך אויף 1,100 עיקערס, טוט אַנבאָטן אַ ברייטע סעריע רעאַליסטישע טרענירונג ערטער, אַ ׳סוויפט׳ וואַסער און פלייצונג טרענירונג אָרט, אַ 45,000 סק. פוסיגע סיטי-סקעיפּ קאָמפּלעקס, און אַן ׳אורבען רעטונג און זוכעניש׳ סימולאַטאָר. דורך קלאַסרום לעקציעס און דיסקוסיעס, ביז געניטשאַפט אַנטוויקלונג לעינס און ווירקליכקייט און הויכע פונקציאַנירונג סצענאַר-

באזירטע טרענירונג, טוט דער ׳סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער׳ אנבאטן סטעיט, ארטיגע, און פעדעראלע אגענטורן א ברייטע ריי געלעגנהייטן פאר דינאמישע עמערדזשענסי ערשטע רעספאנדער טרענירונג.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע, און שטיצע אויף צו פארמיידן, באשיצן אנטקעגן, זיך גרייט מאכן, אפרופן, איבערקומען און לינדערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, געפונט אונז אויף פעיסבוק, פאלגט אונז נאך אויף טוויטער אדער אינסטעגרעם, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418